# אַ בריוו קיין אייראָפּע. דאָס יאָר דתת״ס

ווייסט, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער לענדער בני־ישׂראל,
די, וואָס זאָגן מיט כוונה ״ברענג צונויף אין אונדזער לאַנד אונדז״,
זייט געוואויר: איר האָט פֿאַרלאָרן אַלע רעכט אויף נחלת־אָבות.
ס׳איז ניטאָ מער קיין חזקה, חוץ דער תּפֿילה אינעם סידור,
חוץ דער לויטער־מאָדנער בענקשאַפֿט, חוץ די אוראַלטע נבֿואות.

אָן אַ נעשה פֿאַרן נשמע וועט דאָס רעכט צוריק ניט קומען.
אייער ייִדישקייט איז, ליידער, פֿון דער אוראַלטער אַ היפּוך.
זאָגט איר ״נשמע״ און דעם נעשה טייטשט איר אויס געדולדיק־קנעכטיש.
וואַרט איר אויף אַ יד חזקה, וואָס וועט ווידער טאָן אייך נסים.
וואַרט נאָך טויזנט יאָר, עבֿדים. די חזקה איז פֿאַרלאָרן.

בעט איר טויזנט יאָר זאָל אויפֿשטיין אייך במהירה בימינו
בית־המקדש. און די שטיינער האָט איר אָנגעגרייט באַצייטנס?
האָט איר דען לכל־הפּחות זיך געטשעפּעט מיט די נעגל
פֿאַר די שטיינער פֿונעם הימלאַנד, וואָס מוז זיין כּולה ישׂראל?
— ניין, ניט איר. איר זיצט אין גלות און איר דאַוונט מיט כוונה.

האָט איר שוין געהערט אין ווייטן, ברידער מיינע, בני־ישׂראל,
די, וואָס זיצן אינעם גלות אויפֿן צפֿון, דאָרט ביי עשׂיו?
האָט איר שוין געהאָרכט די בשׂורה? איז זי שוין צו אייך דערגאַנגען?
אָדער ווייסט איר נאָך ניט, ברידער, אַז די פֿעסטונג איז געפֿאַלן,
און ס׳איז מער שוין ניט געבליבן קיין איין שטאָט כּולה ישׂראל?

ס׳האָט די שטאָט געהייסן חיפֿה. ס׳האָבן דאָרט געלעבט די לעצטע
בני־ישׂראל, וועלכע האָבן אויפֿגעהויבן דרייסט די שווערדן,
בירושהדיקע שווערדן צו באַשיצן אייער הימלאַנד,
אייער ווירדע און חזקה. וויינט דאָך! איך גבורים נפֿלו!
אייך — בלויז עיטים ומזמֵרות, זיי — די שווערדן און די שפּיזן.

חיפה איז אַליין געבליבן אויפֿן ברעג ביים ים־הגדול,
ביי די פֿיס פֿון הויכן כרמל, וואו עס האָט אַ מאָל אליהו
דרייסט באַקעמפֿט עבודה־זרה און האָט זי פֿאַרברענט מיט פֿייער.
טויזנט יאָר שוין נאָכן חורבן. ס׳איז ניטאָ קיין בית־המקדש,
אָבער פֿונקען פֿונעם מוקד האָבן נאָך געשיינט אין חיפה.

בעל־מלאכות, סוחרים, פֿישערס האָבן דאָרט געלעבט ווי ייִדן,
עכטע ייִדן על־פּי תורה אויפֿן באָדן פֿונעם היימלאַנד.
רוימער, גריכן און אַראַבער פֿלעגן קומען און אַוועקגיין,
אָבער חיפה איז געבליבן טויזנט יאָר כולה ישראל
בעת איר האָט געשלעפּט דעם גלות און געדאַוונט מיט כוונה.

ס׳איז ניטאָ מער קיין חזקה זינט דעם יאָר תת״ס דעם שוואַרצן.
ווילדע קריסטן פֿון אייראָפּע, וועלכע האָבן אויסגעשאָכטן
גאַנצע הייליקע קהילות פֿון די שטילע גלות־ייִדן,
זיינען דאָך דערגאַן אַהערצו, ביז די שטעט פֿון אייער היימלאַנד.
האָבן זיי צו ערשט באַלאַגערט און פֿאַרכאַפּט ירושלים.

ס׳האָבן טייכן בלוט גערונען, הייליק ייִדיש בלוט אין גאַסן.
ס׳איז קיין ייִדן ניט געבליבן ווידער אין ירושלים.
אומעטום דאָרט הערשט דער צלם ווי אין גלות, דאָרט ביי עשיו.
ווער ס׳איז לעבן דאַן געבליבן בעת דער שווידערלעכער שחיטה,
האָט געזוכט אַ מקום־מקלט אין פּלשת־לאַנד, אין אשקלון.

אויף די הויכע ווענט פֿון אשקלון שטייען קריגערס פֿון מצרים.
דער כאַליף שיקט זיי אַ שטיצע דורכן ים מיט זיינע שיפֿן.
און די ווילדע בייזע קריסטן זיינען ניט אימשטאַנד לעת־עתה
גובר זיין די ווענט פֿון אשקלון און די קריגערס פֿון מצרים.
און די ייִדן מעגן לעבן דאָרט באַנאַנד מיט מוסולמענער.

חיפה איז אַליין געבליבן אויפֿן ברעג פֿון ים־הגדול,
אָן אַ שטיצע פֿון מצרים. עיר ואם כולה ישראל.
מ׳האָט געשאַרפֿט אויף אירע גאַסן בירושותדיקע שווערדן
צו באַשיצן אייער היימלאַנד, אייער ווירדע און חזקה,
און איר האָט געדאַוונט, ברידער, אויפֿן צפֿון, דאָרט ביי עשיו.

ס׳איז פאַרביי אַ יאָר פון אומרו, אָבער חיפה איז געשטאַנען.
ס׳האָבן קריסטן שוין געגרינדעט זיי אַ קעניגרייך אַ נייע,
אויסדערוויילט פאַר זיך אַ קעניג זיצן אין ירושלים
און צעטיילט שוין צווישן ריטערס ס׳גאַנצע לאַנד פון בני־ישראל,
אויסער יענע שטעט און קרייזן, וואָס זיי האָבן ניט פאַרכאַפּט נאָך.

ס׳האָט דעראָבערט זיך אַ חלק אויך טאַנקרעד דאַן דער טאַרענטער.
ער איז איצט דער פירשט פון גליל דער נאָרמאַן דער איטאַליענער.
און ער האָט געבראַכט צו פירן זיינע ריטערס די רשעים
דעמלט צו די ווענט פון חיפה אויפן ברעג פון ים הגדול
און מיט אים – דער אויבער־גלח דיאַמבערט דער פוקס פון פּיזע.

דיאַמבערט דער אויבער־גלח אין דער קעניגרייך דער נייער
האָט געוואָלט פאַרניכטן יידן, עוקר מן השורש זיין זיי.
אָבער חיפה איז געשטאַנען – עיר ואם כולה ישראל
און אויף אירע ווענט און טורעמס – אירע תושבים בני ישראל
צו באַשיצן אייער היימלאַנד, אייער ווירדע און חזקה.

ס׳האָבן צאָרנדיק געפינקלט בירושותדיקע שווערדן,
ס׳האָבן שטיל, נאָר שאַרף געזונגען פיילן, זוכנדיק אַ קרבן,
ס׳זיינען שווער געפאַלן שטייער אויף די קעפּ פון ווילדע קריסטן.
און דער שטורעם פון די ריטערס איז געוואָרן אָפּגעשטויסן,
און עס איז געשטאַנען חיפה, עיר ואם כולה ישראל.

און עס האָט דאַן אָנגעהויבן די באַלאַגערונג פון חיפה.
קיין שום הילף און קיין שום שטיצע איז צו איר ניט אָנגעקומען,
נאָר דער ים האָט נאָך געהאָלפן די באַלאַגערטע גבורים,
שפּייזנדיק מיט פיש די תושבים, ווייל די קריסטלעכע חיילות
האָבן חיפה דאָך באַלאַגערט תחילת בלויז פון דער יבשה.

ס׳איז דער ים געווען נאָך אָפן פאַר די דרייסטע בני־ישראל.
און די כוואַליעס פון די שטורעמס פון די קריסטן די רשעים
האָבן זיך צעקלאַפּט כסדר ביי די פעסטע ווענט פון חיפה.
פאַר באַלאַגערונג אַ טורעם האָט טאַנקרעד געמוזט אויסבויען.
און עס האָבן אויסגעבויט אים גיך די קריסטן מיט אַ בקיאות.

אָבער ווען די ווילדע קריסטן האָבן צוגערוקט דעם טורעם
צו די הויכע ווענט פון חיפה צו דעראָבערן די פעסטונג,
האָט זיך דאַן צעפֿראַלט דער טויער און די דרייסטע בני־ישראל
זיינען אימפּעטיק באַפֿאַלן די באַלאַגערערס די ריטערס,
תל געמאַכט מיט שווערד און פייער פונעם דראָענדיקן טורעם.

ווייטער איז געשטאַנען חיפה, עיר ואם כולה ישראל,
לאַנגע טעג און לאַנגע וואָכן איז געשטאַנען מיט אַ גבורה.
און טאַקרעד האָט פיל פֿאַרלאָרן ריטערס זיינע אין די שלאַכטן.
שווער געווען איז די מלחמה, די באַלאַגערונג פון חיפה.
און ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, ניט דעראָבערט כלל די פעסטונג.

דעמלט האָט דער אויבער־גלח דיאַמבערט אים בייז דערמוטיקט,
זאָגנדיק: "ביסטו אַ ריטער? ביסט אַ קעמפער פאַר די קריסטן?
וועט מען זאָגן: "אַ מפּלה האָט טאַקרעד דער פירשט געליטן
ביי דער פעסטונג פון די יידן!" גיי און קעמף! געפין אַן עצה
איינצודרינגען אין דער פעסטונג דורכן ים אויף זעגלשיפן!"

ס'האָט טאַנקרעט זיך דאַן דערמוטיקט, זיך באַראַטן מיט די ריטערס
און צו הילף האָט ער גערופן דאָ ווענעציאַנער ים־לייט
און פֿאַרמאַכט מיט זעגלשיפן דעם אַרויסגאַנג פונעם האַפן
און אַזוי האָט ער באַלאַגערט חיפה שוין פון אַלע זייטן
און געפֿאָדערט פון די יידן באַלד די שטאָט אים אָפּצוגעבן.

נאָר די דרייסטע בני־ישראל האָבן ווידער אים געענטפערט
בלויז מיט שווערדן און מיט פיילן און מיט גלויבן און מיט ווירדע.
ווייטער איז געשטאַנען חיפה, עיר ואם כולה ישראל.
ס'איז פֿאַרברענט אַ שיף געוואָרן פון ווענעציאַנער ים־לייט
אין דער שלאַכט אין חיפהער האַפן. תהומות יְכַסְיֻמוּ, ברידער.

נאָך אַ חודש שווערע שלאַכטן האָבן זיך אַריינגעריסן
אין דער שטאָט די ווילדע קריסטן און דעראָבערט זי מיט שווערדן.
און עס זיינען אומגעקומען קינד־און־קייט די חיפהער יידן.
זיינען זיי געוואָרן קדושים. וויינט דאָך. איך גבורים נפלו
אויף די שטיינער פונעם היימלאַנד, וואָס מוז זיין כולה ישראל!

דאָרטן, ביי דעם הויכן כרמל איז ניטאָ מער קיין חזקה.
אָן אַ נעשה פֿאַרן נשמע וועט דאָס רעכט צוריק ניט קומען,
ווייל די פֿעסטונג איז געפֿאַלן און איר דאַוונט מיט כוונה.
וועט איר זוכן נאָך אין סידור בירושותדיקע שווערדן,
זאַמלען שטיינער מיט אַ בענקשאַפֿט, זיך דערמאָנענדיק אין חיפֿה.

כפֿר־אלדד, תשס״ג

## יונגע אויגן

...ביים וועלטן־טויער.
דוד האָפּשטיין

די וועלטן לויערן
ביי אַלע טויערן
אין ווענט אין ביטערע
אַרום דער שטאָט
פֿון ציגל רויטלעכע
מיט גראָזן טויטלעכע
און תּפֿילות שיטערע.
וועסט זען אָט־אָט
סימנים זעאיקע
פֿון מעשים פֿעאיקע
צעברעכן פּיסעלעך
אויף יעדן טריט.

אַ ניט־געטראָטענער,
נאָר ניט־פֿאַרבאָטענער
וועג שרעקט אַ ביסעלע.
די פּיאַטעס ס׳בריט.
איז ווער התלהבותדיק,
אַ ביסל תּאוותדיק
און פּייניק דרשנדיק
דיין בידנע צונג.
פֿאַרפֿאַס אַ לידעלע
און קויף אַ פֿידעלע.
דעם זיידן ירשנדיק,
וועסט בלייבן יונג.

ירושלים–יפֿו תשס״ח

# ל״ג בעומר

דערבאַרעמדיקער טרוימער,
אַ געטרייער נסים־שומר
קוקט אויף פייער אויף ל״ג בעומר
אין אַ ברייטער מענטשן־ראָד.
ס׳לויפט די ראָד, עס טאַנצט דאָס פייער.
ס׳קוקט דער טרוימער דער געטרייער.
ס׳איז די ראָד אים ליב און טייער.
ס׳פאָלגט זיין טרוים זי טראָט נאָך טראָט.

מיט דערבאַרעמדיקע נסים
טרייסט ער קיינמאָל ניט סריסים.
אויפן האַרצן איז העל־זיס אים,
און סריסים איז אַלצאיינס.
זיי באַמערקן ניט קיין צויבער,
פלעכטן קרענצלעלעך פון לויבער
פאַר אַן אויבער־סריס, אויבער־
טויבער צו אַ ליד אַ שיינס.

און די מענטשן־ראָד די ברייטע
טרעט אויף וועגן צוגעגרייטע,
לויפט אַ גלגליק פאַרדרייטע
דורך אַ טרוים דערבאַרעמט ווילד.
און דעם לויבער פרעסט דער שייטער,
און די מענטשן־ראָד לויפט ווייטער.
נסים היט דער שומר. בייט ער
נאָר די אויפשריפט אויף דער שילד.

ירושלים – מעלה־החמישה תשס״ח

## מיין געבעט

ווי גרויס איז גאָט!
ווי רייך איז זיין וועלט,
דער דימענט מיט אָנצאָליקע ראַנדן.
פון מיין ערשטן טאָג אָן
לויט גאָטס געבאָט
האַלט איך
אין איין באַגרייפן זיין וועלט,
דעם קאַליידאָסקאָפּ מיט אָנצאָליקע בילדער,
וואָס ער האָט מיר געשאָנקען.

גאָט איז אַ טאַטע.
ער איז געדולדיק צו מיר.
ער גיט מיר איבער זיין וועלט ביסלעכווייז.
עס גלאַנצן די ראַנדן.
עס בלענדט דאָס גלאַנצן.
איך באַמערק נאָר פראַגמענטן:
אַ נאַכטיגאַל, אַ קראָ,
אַ ווינטל, אַ וואָלקן,
אַ וויסטעניש, אַ וואַלד,
אַ טאָג און אַ נאַכט
טאָג און נאַכט
ביים זיצן אין דר׳היים,
ביים שפּאַנען אויף וועגן,
ביים לייגן זיך שלאָפן,
ביים אויפשטיין.

און איך ווער אַנציקט
און איך זאָג:
הער, ישראל,
גאָט איז דער טאַטע.
גאָט איז אַליין.
זיין געבאָט – מיין געבעט.

ווערבעלין תשס״ח